הײנט א װאָך.

Radom, dnia 19 Grudnia 1930 r.

ראדאם, פרייטאג כט כסלו תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:

אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט אנטהאלטען 8 שפאלטען
" אין טעקסט 4

# ראדאמער-קעלצער
# לעבען

---

ברית תרומפלדור ברדום.

מאנטאג דעם 22 דעצעמבער פינקטליך 8 אוונט
הערט רעפערירן אין זאהל פון קינא „קארסא"

דער פרעזידענט פון ציוניסטן-רעוויזיאניסטן וועלט-פערבאנד

# זאב זשאבאטינסקי

## א. ד. ט. וואס איז אונזער חטא — און ווי איז דער אויסוועג

בילעטן צו בעקומען אין טאג פון רעפעראט ביי דער קאסע פון קינא „קארסא"

בעמערקונג: פינקטליך 8 אוונט ווערן די טירן געשלאָסן.

---

Koledze mojemu Dadkowi Fryszmanowi
Z powodu śmierci Jego **M A T K I**
wyrazy głębokiego współczucia składa
*Dawid Wargoń*

---

Głęboko dotknięty śmiercią
**B. P. HELENY FRYSZMAN**
składam wyrazy szczerego współczucia koledze mojemu Dawidowi Fryszmanowi.
*Edward Zagajski*

---

Głęboko poruszeni śmiercią **M A T K I**
naszego Prezesa p. Dawida Frischmana składamy Mu tą drogą najszczersze wyrazy współczucia.
Sekcja Gimnastyczna Męska Ż. K. S. „Makabi"
w Kielcach

---

Szanownemu Prezesowi naszego Klubu
p. Dawidowi Frischmanowi
wyrazy szczerego współczucia, z powodu zgonu
**M A T K I Jego** składa
Sekcja Kolarska Ż. K. S. „MAKKABI"
w Kielcach.

---

Prezesowi naszemu p. Dawidowi Frischmanowi
z powodu zgonu **M A T K I Jego**
wyrażamy tą drogą głębokie współczucia
Sekcja Bokserska Ż. K. S. „MAKKABI"
w Kielcach.

---

— Gdzie spędzimy wieczór sylwestrowy, kochanie?
— Naturalnie

**NA balu SYLWESTROWYM**
**AKADEMIKÓW**

w nowych połączonych salach Gimnazjum „Przyjaciół Wiedzy" (Kilińskiego 13)

Informacyj udziela Komisja Organizacyjna świetlicy Koło Akademików-Żydów ul Kwańska 15 (I piętro)
**Codziennie od godz. 8 do 11 wiecz.**

---

Głębokie współczucia p. Prezesowi
**D. Fryszmanowi**
z powodu śmierci Jego ukochanej **b. p. M A T K I**
wyraża
**Ż K S „MAKKABI" w Kielcach.**

---

הננו משתתפים בצערו הגדול של חברנו נשיא הסתדרותינו
**דוד פרישמאן** במות עליו
# א מ ו נ"ע
בעבודתו הפעולה בעד הסתדרותינו ינוחם
ועד ההסתדרות לאספורט והתעמלות
„מ כ ב י" קילץ.

ד"ר א. יעקובי (ירושלים)

ספעציעל צום „ראדאמער-קעלצער לעבען"

# בימים ההם — בזמן הזה

## (חנוכה-געדאנקען)

א לאנגע תקופה פון איבער 2 טויזענד יאהר טיילט אונז אב פון דאן, זייט מתתיהו החשמונאי איז ארויסגעטרעטען צום ערשטען מאל אין א עפענטליכען קאמף געגען די אינטערדריקער, כדי צוריק צו געווינען אונזער גייסטיגע און פיזישע אומאבהענגיגקייט. דאס יודישע פאלק האט אין משך פון דער צייט דורכגעמאכט שווערע נסיונות, איז דורכגעגאנגען א לאנגען דערנערפולען וואנדערונג'ס וועג און אין זכרון פון פאלק זענען שטארק געבליבען די עראינערונגען פון יענער ערהאבענער און ווייטער תקופה. דער נס חנוכה איז אויפ'ן גאנצען וועג פון אונזערע וואנדערונגען אבגעהיט געווארען, און אין פערלויף פון די אלע יאהרען האבען צניעות'דיג געפינקעלט די קליינינקע חנוכה-ליכטלעך און האבען פערשפרייט העלע, ליכטיגע פייערען אויף אונזער פינסטערען וועג. די פייערלעך האבען אונז דערמאהנט וועגען די העלדישע ארויסטרעטונגען פון די מכבי'ער, וועגען די גבירות פון אונזערע אבות און מיט דעם דיכטער האבען מיר אויך געזונגען:

„אה, איהר קליינע ליכטעלעך,
איהר דערציילט געשיכטלעך,
מעשיות פון אמאל"...

„בימים ההם". — לאנג האבען מיר בעלעבט מיט די עראינערונגען פון אמאל, פון „בימים ההם". דאס פאלק האט זיין נאהרונג געהאט אין דער געשיכטע פון זיין פערגאנגענהייט און מיט שטארע בליקען געקוקט אויף זיין צוקינפט. אויף א אונקלאהרע צוקונפט, וואס דער גורל וועט איהם ברענגען.

„בזמן הזה". — איין תקופה איז דורכגעגאנגען, די לעצטע אין אונזער געשיכטע, און די געשטאלט פון אונזער צוקונפט איז פאר אונז קלאר געווארען. מיר רופען איהר אן די תקופה פון שיבת ציון. א"י של מעלה האט זיך פערוואנדעלט אין א"י של מטה, און אהין זענען יעצט געריכטעט אלע אונזערע שטרעבונגען.

מיט אונזער אויפבוי-ווערק אין א"י האבען מיר אריינגעשריבען א נייעם שיינעם קאפיטעל אין אונזער געשיכטע. פאר אונזערע אויגען איז געשעהען א וואונדער — דער נס פון „בזמן הזה" — און מיר האבען פאר איהם געשאפען א נייעם „הלל".

א פאלק האט זיך אויפגעכאפט פון זיין לאנגען שלאף און מיט אייפער צוריק גענומען בויען זיין אלטע היים. דער פערוואהרלאזטער באדען פון א"י איז פערוואנדעלט געווארען אין א בליהענדעס לאנד, שטעדט און דערפער זענען אויסגעבויט געווארען אויף וויסטע ערטער. די העברעאישע שפראך איז אויפגעלעבט געווארען. קולטור און לעבען האבען מיר געזייט אויף אונזער גאנצען אויפבוי-וועג. א נס איז געשעהען און די טענער פון דעם נייעם „הלל" האבען אנגעפילט די לופט פון א"י.

„בימים ההם — בזמן הזה". אזוי ווי אין די אלטע צייטען אזוי איז אויך יעצט. דאס קנאה געפיהל צו אונזער ווערק אין א"י האט דורכגענומען די אנטיוכוס'עס פון אונזער צייט. א מורא איז בעפאלען אונזערע שונאים: דאס יודישע פאלק בעקומט צוריק זיין מעגליכען אויסזעהן — „הבה נתחכמה להם", לאמיר פערלויפען דאס שלעכטס, „לאמיר זיי שטערען אייער זיי האבען פערענדיגט זייער אויפבוי-ארבייט.

די העצע געגען אונז האט זיך אנגעהויבען שווער איז אונזער קאמף פון „בזמן הזה". עס וועלען אונז נישט אבשרעקען קיינע גזירות און קיינע בעריכטען וועלען נישט אבשוואכען אונזער גלויבען אין אונזער נצחון. אונזער ישוב אין א"י שטעהט, אזוי ווי „בימים ההם" שטארק און פעסט און ענטפערט מיט שטאלץ אויף אלע אנגריפען פון די שונאים.

פערגלייכען מיר די תקופות פון „בימים ההם" און „בזמן הזה", טאהרען מיר איין פרט נישט פערגעסען. דער קאמף פון „יענע טעג" איז געשעהען אינגאנצען אויפ'ן אייגענעם באדען, היינט, ליידער, איז נאך דער גאנצער באדען פון א"י נישט אונזערער. דער באדען רופט צו אונז: „לייז מיר אויס — און דאן איז דער נצחון א פולקאמער".

די יודען וואס וואוינען אין גלות, דארפען נישט פערגעסען, אז דער ישוב אין א"י קעמפט יעצט דעם גאנצען יודענטומ'ס קאמף און לעגט דעם וועג פאר א יודישער מעהרהייט אין לאנד. מיר מוזען קימען צוהילף דעם ישוב. מיר מוזען איהם העלפען אויסלייזען דעם באדען און מיט דעם פערפעסטיגען אונזערע פאזיציעס צו אונזער פולשטענדיגען נצחון.

און דער נצחון מוז קומען! פון דער געשיכטע פון „בימים ההם" ציהען מיר אונזער האפנונג און גלויבען. און נישט ווייט איז די צייט, ווען דאס יודישע פאלק וועט פייערען דעם גרויסען נצחון פון „בימים ההם - בזמן הזה"...

— די — שענסטע טאפעטען צו זעהר בילינע פרייזען קען מען נור בעקומען
אין דער לאנג-יעהריגער פירמע
ש. שטיינמאן
ראדאם, לובלינער 21.

# א גריפע אויף מיין קאפ!

## (א מין הארץ-אויסגיסעניש פון א בעווייבטען)

טאמער האב איך וועהניג, האט איך האב א ווייב, קינדער, א שווינער, בעלי חובות, קאמארניקעס, סעקוועסטראטאר'ען, פאדאטקעס, „קאפע כאריך" און אנדערע שלעק און צרות, דארף איך נאך א גריפע—א גריפע אויף מיין קאפ!

קום איך א היים, ווער איך פערוואנדעלט אין א „סיאסטרע", געה פון איין בעט צום צווייטען, איינער שרייט: א קאמפרעס פון שפירט מיט שטובען-האניג. א צווייטער שרייט: מעדיצין, א דריטע וויל שמירען דעם האלז מיט „אוסלעניאנע" וואסער; האב איך מיך אפגעגערטעט מיט א ווייב, מיט דער שווינער און מיט די קינדער. דארף איך מיך ערשט „מתעסק" זיין מיט דער שיקסע.

טוט זיך עס א נגיס אין א געהויז און א געגארגעל. יעדען מוז איך באדינען, יעדען מוז איך „דאגאדזשען", יעדען מוז מען ארונטערלייגען דעם טערמאמעטער. יעדען מוז מען פערצייכענען די טעמפעראטור. און וואו איז פלעגט קראנקע מוזען דאך האבען „פילגאשטקעס". א קראנקער איז דאך נישט קיין געזונטער, געה איך טאקע פון בעט צו בעט אין „פילגעווער" דעם א היינטרויב, דעם אנ'אויסגעזעט-בען עפעלע, א צווייטער דארף שוויצען מוז מען איהם מאכען טיי מיט מאלינע-סאק. א פראשעק אספירין און אנדערע „שראדקעס"...

דאס איז בייטאג.

און ביינאכט, מיינט איהר, שלאף איך? ווער קאן שלאפען? איינער דארף דאס, און א צווייטער דארף יענץ... דעם שווידערט, מוז מען איהם צודעקען א צווייטער האט היץ. וויל ער, כ'זאל איהם אויפדעקען: איינע שרייט: לופט, און א צווייטער איז „דושנע" און אלץ אויף מיין קאפ.

און אין דער גאס איז בעסער? כאפ איך מיך ארויס אין גאס איז ווידער דאס אייגענע, ווידער גריפע און גריפע.

קום איך צו מיינעם א בעל-חוב איינמאנען א חוב, לאזט מען מיך נישט אריבער די שוועל—זייט מוחל—זאגט מיר די דינסט —דער „פאן" האט „גאראטשקע".

וויל איך אריינגעהן צו א שכן, הענגט אויף דער טהיר א צעטעל: „צוליב דעם וואס דער בעל-הבית מיט'ן פערזאנאל ליגען אויס גריפע, איז דאס געשעפט בעשלאסען".

קום איך אריין אין א צוקערניע אריינכאפען א גלעזעל טיי, זיץ איך און קלאפ אהין, קלאפ אהער, ערשט נאך א שעה קלאפען, ענטשולדיגט זיך דער אייגענטימער: „פשעפראשאם", די קעלנער ליגען אויף דער גריפע".

וואו איהר גייט, הערט איהר ניסען און ניסען, כארכלען און גארגלען, און אפשר מיינט איהר, אז אלע זענען טאקע קראנק אויף גריפע, האט איהר א טעות, מיין הויז-הירט איז גראד געזונט ווי א קאזאק, און יעדען טאג פאטערט ער מיך מיט דירה געלט.

# סוחרים-פעראיין לעבט-אויף זיין טעטיגקייט.

## געוועהלט א נייעם ראט און פערוואלטונג.

אין ראדאמער סוחרים-פעראיין איז די טעג אפגעהאלטען געווארען אן אויסערגעוועהנליך אלגעמיינע פערזאמלונג.

די פערזאמלונג האט געעפענט ה' מערין, וועלכער האט מיטגעטיילט, אז דער אלטער ראט און פערוואלטונג האבען זיך אנגעגעבען אין דימיסיע און דעריבער מוזען אויף זייער ארט בעוועהלט ווערען נייע פערזאנען אין די דערמאנטע ביידע קערפערשאפטען כדי די וויכטיגע סוחרישע אינסטיטוציע ווידער אויפצולעבען. ה' מערין האט זיך בעזונדערס אפגעשטעלט אויפ'ן בדאנישען פינאנציעלען קריזיס פון פעראיין צוליב וואס ס'איז אונמעגליך געווען יעדער ממשות'דיגע ארבייט לטובת דעם סוחרים-שטאנד. ה' מערין קומט אלזא צום אויספיהר, אז ס'איז נייטיג דורכצופיהרען נייע וואהלען און צו געפינען פאסענדע פערזאנען, וועמען דאס זיינע סוחרים-וואוב אינטערעסירט.

נאך א לענגערע דיסקוסיע איבער דער דער טעטיגקייט פון פעראיין אין פארגעקומען וואהלען און ס'זיינען געקליבען געווארען פאלגענדע פערזאנען:

אין דער פערוואלטונג: א. מעוויין (פרעזעס), ל. פרענקעל, י. באקמאן (וויצע פרעזעס), ל. מארגאליס (קאסירער), א. פינקעלשטיין (סעקרעטאר) א. קאלקשטיין, א. גראסטעלד, ס. חזאט ס. טאוב, דוד קארמאן.

אין ראט: פיאטר פרענקעל (פרעזעס) מ. הארוויטש, א. מאנדעלקארן (וויצע-פרעזעס), לאנדוי (סעקרעטאר), מ. לאנגער, מ. קליינמאן, פ. מארגאליס, י. שטיינמאן, ח. י. הימעלפארב, ג. גינזבורג, מ. טייכמאן, ח. בירענביב.

אין שיר'ס-געריכט: ג. זיומאן (פרעזעס) איתמר אדלער, איתמר גאראנינקעל, י. קליינמאן, מ. ל. אבראמאוויטש, ס. ל. בערגער, מ. ב. ריכטמאן, ח. פ. דאנציגער, יונה גאלבערג, מ. קורץ, דוד ראטמאן, א. לאקס.

אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע: פרענקעל, ח. אדלער, קראנוואלד.

*

דער סוחרים-פעראיין רופט זיינע מיטגלידער אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג, וואס קומט פאר זונטאג דעם 21 ה. י. 7 אוועגד, אויף וועלכער עס וועט בעריהרט ווערען די פראגע וועגען העכערען דאס דירה-געלט.

די אנוועזענהייט פון די מיטגלידער איז ודינגענד נויטיג.

*

דער סוחרים-פעראיין מאכט בעקאנט זיינע מיטגלידער, אז ער קויפט אויס פאטענטען ביז'ן 31 ד. ח.


30 פראצ. ביליגער
ווי איבעראל
פערטיגט אויס מיט די לעצטע מאדערנע שריפטען די שוין אין ראדאם בעסטע
דרוקעריי
ל. שיינבוים, רינעק 10
— אלערלעי —
דרוק-ארבייט





## ס'איז שוין צייט צו רעאליזירן די קויהלען-אקציע.

ווי מען הערט גרייט זיך „עזרה" ווי אלע יאהר אויך היינטיגען ווינטער דורכצופיהרען די קוילען-אקציע. זי טרעפט אבער אן אויף שווער גקיישען צוליב געלד-מאנגעל. פ'וואלט דעריבער געהען זעהר געווינשען. אז די יודישע גמינע זאל בייהילפיג זיין „עזרה" אין איהר אקציע. די גמינע האט שוין דעם בודזשעט און זי האט ממילא די מעגליכקייט מיט דער הילף פון דער סובסידיע צו געבען די אקציע א שטויס פאראויס און דאס איבריגע וועט שוין „עזרה" אליין כוהן, פארטזעצענדיג ווי געוועהנליך איהר געלד-זאמלונג צווישען די פריוואטע מנדבים.

## טאג-בוך פון א ראדאמער זעלבסטמערדער.

### מען פער'משפט מיך צום טוידט און מיין אייגענע טאכטער וויל אויספיהרען די עקזעקוציע

וואס מעהר איך בין געזעסען אין דער פינסטערער קאמער פון דער מאסקווער „טשעקא" אלץ ווייניגער איז געווארען די צאהל פון מיינע מיטזיצענדע. ווי איך האב שוין פריהער דערצעהלט זענען מיט מיר געזעסען אין „טשעקא" פערשידענע ארעסטירטע פון אלע מינים ספעקולאנטען, בורזשויען, קאנטער-רעוואלוציאנערען, שמוגלערס, באנדיטען. א מיש-מאש פון פערשידענארטיגע עלעמענטען פון דער מאסקווער בעפעלקערונג. יעדען טאג האט מען אנדערע ארויסגעפיהרט פון דער קאמער און גענומען זיי אויף א פערהער.

אבער א ווינדערליכע זאך. ווי נאר מ'האט די אלע גענומען צו דער אויספארשונג האט זיך קיין איינער פון זיי שוין מעהר נישט אומגעקעהרט. וועו נישט די נייע, פרישע פארטיעס, וואס מ'האט יעדען טאג צוגעברענגט וואלט די קאמער בילעכטייז געווארען פולשטענדיג אויסגעליידיגט. וואס ס'איז געווארען פון די אלט-געזעסענע, ס'הייסט פון די פריהער-ארעסטירטע. האט קיינער געוויי נישט געוויסט. אין קאמער האט געהערשט די אלגעמיינע איבערצייגונג, אז מ'האט זיי איבערגעשיקעלט אויף יענער וועלט, וועלכע הויבט זיך אן מיט דער טרויריג-בעריהמטער „סטיעוקא".

אין העלע לבנה נעכט, אין די שפעטע שעה'ען ווען מיר זענען שוין געלעגען איינגעגנורעט אין די קומעס שטעכעדיגע שטרוי האט מען טיילמאהל דערהערט א סודות'פולע סקריפעריי פון רעדער אויסגעמישט מיט א גקלינגעריי פון פערד-פאדקאוועס און דאס אלץ צוזאמען האט זיך געקוילערט פאמעליך. לאנגזאם. וואס האט געמאכט דעם איינדרוק, אז זי האס פיהרען אן מיט די פערד און וועגענער צעהלען די טריט און אויס פארזיכטיגקייט האלטען זיי איין די אטהעמס, אז קיינער, קיינער זאל נישט דערהערען און נישט בעמערקען. פון צייט-צייט האט מען געהערט ווי די פורמאנעס מיט זייערע בעגלייטער שושקען זיך איבער און איינער רופט נאכ'ן צווייטען: שש.-שא שש.-שא.

— ווי זיי האלטען זיך געבעטען ביי די דרעהענדיגע רעדער און צופלאשעטע פערד זיי זאלען איינצוהען די טריט און פערשטיקען זייער ווידערקלאנג.

# רעפעראט פון זשאבאטינסקי אין ראדאם.

## יודישער ארקעסטער גיבט איהם מקבל פנים זיין צום באהן

קומענדיגן מאנטאג וועט דער וועלט-בעריהמטער רעדנער זשאבאטינסקי האלטען א רעפעראט אין קינא „קארסא".

כדי צו עמפפאנגען דעם גרויסען גאסט האט זיך געשאפען א ספעציעלער קבלת פנים-קאמיטעט, אין וועלכען געהען אריין פארשטעהער פון פערשידענע ארגאניזאציעס.

מאנטאג 10 פריה קומט זשאבאטינסקי קיין ראדאם. ביים באהן וועלען איהם מקבל פנים זיין ציוניסטישע פארשטעהער, דער רעוויזיאניסטישער קאמיטעט און דער יודישער ארקעסטער פון ברית-טרומפעלדאר מיט זייער פאהן.

שפעטער נאכ'ן אנקומען וועט זשאבאטינסקי בעזוכען די ציוניסטישע ארגאניזאציע און אנדערע יודישע אינסטיטוציעס.

צום רעפעראט איז אויסגעוועהלט געווארען א פרעזידיום. וואס וועט רעפרעזענטירען פערשידענע ארגאניזאציעס. נאכ'ן רעפעראט וועט לכבוד דעם זעהר חשוב'ן גאסט איינגעארדענט ווערען א באנקעט.

צום רעפעראט קומט מיוחד די רעוויזיאניסטישע יוגענד פון דער פראווינץ.

דער רעפעראט פון דעם גרויסען ציוניסטישען מנהיג האט אין שטאדט ארויסגערופען א געוואלדיגען אינטערעס צוליב דער גראנדיעזער פערזענליכקייט פון רעדנער, ווי אויך א דאנק זיין גענויאלע ארטארישע קראפט.

ווי מען הערט איז א שטארקע נאכפראגע אויף בילעטען און ס'איז פאראויסצוזעהן, אז דער גרויסער זאהל פון קינא „קארסא" וועט זיין איבערפולט איבער די ברעגעס.

---

זאקען, הענדשקעס, רעפארירען און וועש
קליידער בלוזען און וויעשעראטע
Firma MADAME MARIE
Pl. 3 MAJA № 3.

געלעגענהייטליך צו פערקויפען
א אייזערנע קאסע
אין זעהר א גוטען צושטאנד פאר א צונעמליכע פרייז
ערקונדיגען זיך אין רעדאקציע ר. ד.

Dlaczego przoduje wszędzie




Dlatego, że udoskonalone
**Śniegowce i kalosze**
marki „Pepege", mimo niskiej ceny, wyróżniają się bardzo gustownem wykonaniem zewnętrznem i długo zachowują początkową wspaniałość formy i barw. Są pozatem bardzo lekkie i zawsze łatwe do włożenia.

ŻĄDAJCIE WSZĘDZIE TYLKO Z PODKOWĄ
«PEPEGE»

**WYNAJMĘ MAGAZYN SUCHY**
trwały w bliskości dworca kolejowego Radom o wymiarach 20 mtr. na 10 mtr.
Oferty składać w redakcji pod „magazyn" podając czynsz roczny wraz z płatnikiem sytuacyjnym.

---

ווען מיר האבען דערהערט די געפרעסטע סקריפעריי. וואס האט צוזאמענגעגאסען יעם געקלאנג פון שטיין און אייזען, וואס האבען זיך ביידע צוזאמענגעשפויסען דורך די רעדער אין פאדקאווע-גליטשעריי, וואס האבען זיך געטיילט איבער די אייזבראקירטע שטיינער — דאן איז אונז אלע ארעסטירט בעפאלען א געהיימניספולע שרעק. מיר זענען נאך דאמאלס נישט געשלאפען. ביינאג איז צו אונז קיין מאהל די זון נישט דערגאנגען. די לעכער פון אונזער קאמער, וואס האבען בעריעגט איט פונטע ר, זענען געווען איינגעגראבען אין דער ערד און נאך דערצו בעשלאגען מיט אייזערנע קראטען און דראהטענע שטעקיס. מיר האבען קיינמאהל נישט געוואוסט וואסערע טאג עס שטעהען אין דרויסען אויף גאס'ס-וועלט. צי זענען זיי ל כסיגע מיט זון-בעגאסען, אדער זיי זענען טונקעל, שווארץ מיט וואלקענעס און כמארעס בעצויגען. בעסער איז שוין געווען ביינ כט. דסמאלט האבען מיר גיכער דערקאנט געפינען א פינקלריגען שטערען אויפ'ן הימעל. אויב די נאכט איז געווען א קלארע, א זוהרנ כטיגע און ס'האט דארט ארומשפאצירט די לבנה-מאיעסטעטין — דאן איז צו אונז אריינגעפאלען איהר ליכטיגער שמייכעל. פון בלאטען-אויסגעשטערנטען הימעל האבען ארונטערגעדרייט מאטעווע זילבערנע שטראלען און צוקומענדיג צו אונזער טריבען. עלענדען קעלער, האבען זיך די דאזיגע שטראלען אדורכגעריסען דורך די אייזערנע שטאקעס ווי דורך א זיפ און פון גאנצען קנויל לבנה-גלאנץ איז צו אונז קוים אנגעקומען צוברעקעלטע און צישפאלטענע דינע זילבערנע פעריפלעך. וואס די אייזערנע קראטען און פערצווימטע שמאלע דראט-קעסטעלעך האבען איבערגעשניטען. אפילו די שפומע, בעוועגונגסלאזע פערקראטעוועטע פענסטערלעכער זענען געווען טרייע היטער פון דער רעוואלוציע און קאנטראלירט דעם עקספארט פון דער הימלישער ליכט-פראדוקציע. זיי האבען דאס געהאלטען פאר שמוגעל בפרט נאך פאר פערברעכער, וואס ווילען שטירצען די רעוואלוציע.

ווי מ'ויל אבער פארט נישט זיין האבען מיר יעדענפאלס מעהר געוואוסט פון די העל-קלארע נעכט ווי פון די זוניגע טעג. און טאקע אין אזעלכע שטילע, פערטרוימטע נעכט האט זיך אמאהל געטראפען, אז מיר זענען ארויסגעשפרונגען פון אונזערע שטרויענע געלעגער'ס און מיט איין אימפעט זיך געלאזט צו די אויגען-לעכער פון אונזער קאמער. כ'מיין צו די שמאלע אייזען-געקעסטעלטע פענסטערלעך. און דאן האבען מיר עס וואס געזעהן:

איבער'ן לאנגען, שמאלען דורך פון „טשעקא" האבען זיך געצויגען, ווי א קאראוואן אין א שמאלע סטעפע אין דער ווינטער, א רייהע פוהרען, איינער נאך דער צווייטער.

(פארזעצונג קומט).

Biuro Próśb i Podań

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA: Redaguje Podania:

Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.

Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.

Windykacje należności w całej Polsce.

Informacje o zdolności kredytowej

Przepisywanie na maszynach.

Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.



Kino dźwiękowe „ŚWIT"

Dziś i dn. następnych

Tragedja Kochanków

W roli gł.: Liana Haid

Nad program: Wspaniałe dodatki dźwiękowe.


(ענדע פון זייט 7)

אין רוסט ארויס די ח"ת: ד"ר זיל-בערשלאק, שנעסעל טויבמאן און חיים זאגייסקי.

ה' ר. פרישמאן גיעט 15 זל. און רופט ארויס די ח"ת עדוואַרד זאגייפסקי ד. וואַרגאַן און מיכאל פערלען.




„QUADRAT"
RIGA
najwytworniejsze
śniegowce i kalosze



# זיכערע הילף און א רפואה

אָהן א אָפעראַציע, אָהן בלוט, אָהן א מעסער, און אָהן בלוט-פארגיפטונג פאר קראַנקע אויף קילעס פאר מענער, ווייבער און קינדער, טערשידענע קאַליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס,



פערלאָזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-ברוך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשן-קאָפּ, אָדער אזוי ווי א וואסער-קאַן און עס פאלט אריין אין דעם כיס און דער קראַנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פער-דרייען די קישקעס ווערט ער בראַנדיג און שטערבליך. ספעציעל גומענע הייל-באַנדאַזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראָפעסאָרען מיט מיינע בעהאַנד-



לונג און פון דייטשען פראָפעסאָר-דאָקטאָר בראַכגרעהינג בעזייטיגען זיכער דעם שמערסטען און געפעהרליכסטען ברוך, אויך פאר הויקערס ליפונגען מיט הייל-באַרטעסטען צון אָפעראַציען פאר פערקרימטע פוס און פלאַט-פוס ספעציעלע איינלאגען אין די שיך. קינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאַקען פאר די גרעסטע קראַנקע אָדערן.

עמפפאַנגט א גאַנצען טאָג אָהן איבעררייס.

Hotel Europejski, Radom p. Nr. 17

בעמערקונג: דאָס פערזענליכע ערשיינען פון די קראַנקע איז אונבע-דינגט נויטיג. דיפלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פאָלגענדע אוניווערזיטעט-פראָ-פעסאָרען: פראָפ. ד"ר באראנטש, דיר. י. מאַרישלער, פראָפ. ד"ר בר. קיעלאַנאווסקי און אויך אַנדערע

מיר גנמען אויך אָן פערזיכערטע פון דער קראַנקע-קאַסע

דאַנקזאגונג.

איך דאַנק הערצליך דעם דיר. סאָגאָ ראפאַפאָרט פון לינבערג קראָ-שיצקי א. הײלכע געפט יעצט אָן אין ראדאָם, האָטעל איירָאָפעיסקי 17 פאר צוריק האלטען מיר א שווערען ברוך, פאר וועלכע איך האָב געליטען א רייהע יאָהרען, נאר א דאַנק דער קינסטלערין פר' ראַפּאַפּאָרט, וועלכע האָט נישט געגעבען קיין מיה און ארבייט האָט מיר פערלייגט א גומענער הייל-באַנדאַזש נאָך איהר בייספיל מעטאָדע אזוי, אז איך בין אויפגעלעבט און קען ארבייטען.

מיט אכטונג יאָסי' שמעלמאַן שעוטצקא № 5


Prezesowi naszemu p. Dawidowi Frischmanowi

szczere wyrazy współczucia z powodu zgonu

Jego MATKI składa

Sekcja Piłki Nożnej Ż. K. S. „Makkabi"
w Kielcach.

Naszemu drogiemu Prezesowi Dawidowi Frischmanowi

z powodu zgonu MATKI Jego

szczere współczucie wyraża

Sekcja Gimnastyczna Żeńska

Ż. K. S. „MAKKABI" w Kielcach

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה' דוד פרישמאַן

(פרעזעס רעפערענט אין קיעלצער וואָיעוואָדשאַפט-אמט)

צום טויט פון זיין

מוטער

רעדאַקציאָנס-קאָלעגיום

פון „קיעלצער-ראדאמער לעבען" אין קיעלץ











Kino „Nowe Czary" Teatr
Dziś i dni następnych!
PIES
BASKERWILLÓW
Nadprogram: Zwycieżca

Kino ODEON Teatr
Od poniedziałku 15 Grudnia r. b.
Najpiękniejsza
Kobieta Paryża
—Nad— program Królewski Jeździec

Kino CORSO Teatr
Dziś i dni następnych
KAJDANY
Na scenie: REWJA


Redaktor Ch. M. Herc    Drukarnia Wyd. „Radomer Kelcer Lebn" Radom Szwoleżerów 16.